## **מאָניש**

**י. ל. פּרץ**

פֿון: מאָניש, י. ל. פּרץ, שטוטגאַרט 1947

צו וואָס איז אונדזער לעבן גלײַך?
צו אַ טײַך!
און די מענטשן — צו די פֿיש!

ס׳וואַסער איז געזונט און פֿריש,
וואָלט׳מיר שווימען אָן אַן עק;
שטעלט דער שוואַרצער זיך אַוועק,
ווי אַ פֿישער אויפֿן ברעג— —

שטייט דער שטן אויפֿן לאַנד
מיט דער ווענדקע אין דער האַנט—
כאַפּט די פֿיש.

אויף אַ ווערעמל נישט קיין ריינס—
אויף אַ תאווהלע אַ קליינס,
תענוג אויף אַן אויגנבליק...
אָנגעצויגן שוין דער שטריק,

אין דער לופֿטן קוים אַ טרעסל,
ס׳פֿליט דער העכט שוין צונעם קעסל
אויפֿן פֿײַער פֿון גיהנום...
און געפּרעגלט און געבראָטן...

און — ימח שמו — מ׳קען אים
און מ׳ווייסט: ס׳איז מעשה־שטן

## **Monish**

**Y. L. Peretz**

Translated by Seymour Levitan

Life is like a river;
we are fish.
The water's wholesome and fresh
and we would swim forever,
but for a black figure
on the riverbank.

There Satan stands,
in his hands
a fishing rod,
and catches fish.

With a worm that eats the dust,
a little lust,
a moment's pleasure,
the line is baited.

Hardly a flick
and the pike flies in the pan
to be fried or roasted
on the flames of hell.

May his name be obliterated!
we know whose work it is—
Satan's—
and why it works so well.

| | |
|---|---|
| און ס׳געראָט׳ס, | The cause |
| װײַל דאָס װערעמל ציט און ציט... | is the little worm; it draws and draws— |
| | |
| כ׳זינג דערבײַ אויף אַ ליד! | And so the story I'm about to tell. |
| לייגט די אויערן צו און הערט! | Listen! |
| | |
| ס׳איז געווען אַמאָל אַן עילוי— | There was a prodigy, |
| כ׳ווייס נישט ווען און ווו אפֿילו, | precisely when and where is hard to say, |
| נאָר אין פוילין, און, אַפּנים, | but in Poland, |
| אין דער גוטער אַלטער צײַט... | in olden days, |
| און בײַ גיטע פֿרומע לײַט: | and he was raised in a pious house. |
| | |
| פֿרום דער טאַטע, | Pious father, pious mother; |
| פֿרום די מאַמע; | the family , |
| די משפחה— | one after another, |
| לומדים סאַמע, | scholars all, |
| און זיי שמען | known and praised |
| אויף דער וועלט, | everywhere, |
| און מבֿינים גרויסע זאָגן: | and those who know best |
| זיי וועט אַלע איבעריאָגן | say they'll all be surpassed |
| מאָניש — אונדזער העלד... | by our hero—Monish. |
| | |
| צינד אינגאַנצן | He's only |
| זיבן, אַכט! | seven, eight. |
| און אַ מתמיד— | |
| טאָג, ווי נאַכט! | Yet always at his studies |
| | day and night. |
| תורהזאַפּט ער ווי אַ שוואָם; | |
| און אַ קעפּל — ווי אַ בליץ, | He laps up Torah like a sponge. |
| צי אַרויף — צום העכסטן שפּיץ. | His mind is lightening; |
| צי אַראָפּ — אין טיפֿסטן תהום! | it can plunge |

ווי אַ וואַסער זופּט ער ט״ז;
מעג דער רמב״ם זײַן, ווי האַרב,
טרעפֿט ער באַלד אַרײַן אין קאַרב,
און אַ בקי שוין אין ש״ס...

און אַ שיינער יונג — אַ פּראַכט:
שוואַרצע לאָקן, ווי די נאַכט;
רויטע ליפּלעך — רויזן צוויי,
שוואַרצע ברעמען, ווי די בויגן,
ווי דער הימל בלויע אויגן— ,
און דאָס פֿייערל אין זיי!

אָנצוקוקן איז אַ פֿרייד
מיידלעך ווערן רויט און בלאַס,
אַז ער ווייזט זיך אויף דער גאַס— ,
אַז דער שיינער מאָניש גייט...

די יונגע רביצין אין חדר,
זיצט אַ גאַנצן טאָג כסדר,
קוקט אויף מאָנישן און קוועלט—
אויפֿן קוימען לויפֿט און ברענט,
און זי זיצט פֿאַרלייגט די הענט,
הערט, מכלומרשט, ווי מען קנעלט...

און דער שכנה — שיינער אָדל
פֿאַלט פֿון האַנט אַרויס די נאָדל— ,
לאָזט זיך אונדזער מאָניש הערן!
פּרעסט דאָס הערצל מיטן הענסל,
דריקט דאָס אויערל צו צום ווענטל,
און עס קייקלען זיך די טרערן...

from the highest
to the most profound,
and can sound the *Taz*
and the ocean of *Shas'*,
however stony the *Rambam*,
he finds a cleft in the rock.

And he's beautiful.
Black as night, his locks;
his lips are roses;
black arching eyebrows
and sky-blue eyes,
fire-bright.

A joy to see.
Ah, the blushes and sighs
when the maidens see Monish
go by.

The young *rebetsin* at *kheyder*
watches Monish, nothing else,
and she melts;
and the pots in the oven
spill and burn
as she sits,
her hands in her lap,
seeming to hear
how the children learn.

And the neighbor, pretty Odl,
lets her needle fall

| | |
|---|---|
| אָבער ריין, ווי גאָלד, איז מאָניש, | as she listens to Monish: |
| פֿון דעם אַלעם ווייסט ער גאָר ניש׳! | her hand on her heart, |
| וואָס האָט אונדזער מאָניש האָלד? | her ear to the wall, |
| ער האָט ליב אַ בלאַט גמרה, | tears rolling down her cheek. |
| ער האָט חשק צו א סבֿרא... | |
| „שור שנגח את הפּרה!“ | But Monish is as good as gold; |
| אַז מען שמועסט, אַ גאָלד... | he knows nothing of this! |
| | What does Monish seek? |
| און אין יענער צייט | |
| האָט מאָניש אַלס עילוי געשמט! | His love—Gemara, |
| קומען לומדים פֿון דער פֿרעמד | reason and hypothesis: |
| און רבנים פֿון נאָנט און ווייט | *shor shenoygakh es hapora* |
| דעם עילוי פֿאַרהערן | "If an ox should gore a cow..." |
| אַ נײַער שטערן! | He's as good as gold— |
| עס טאַנצן פֿאַר שמחה די זילבערנע בערד— , | |
| וואויל דער מאַמען, וואָס האָט׳ם געטראָגן, | And in those days |
| וואויל דעם טאַטן, וואויל איז דעם אָרט! | Monish was renowned. |
| כ׳גיב עס איבער וואָרט אין וואָרט, | |
| נאָר וואָס אַרט זאָגן? | Scholars from abroad, |
| | rabbis near and far, |
| געלעבט האָבן דעמאָלט | came to hear him out, |
| די אַלטע באַלעבאַטים— , | "A new star!" |
| מעשענעברילן, | say the silver beards dancing for joy— |
| זילבערנע בתים, | "Happy the mother who bore him, |
| גאָלדענע עטרות, | happy the father and the place!" |
| אייזערנע מוחות... | (I say only what I heard, word for word. |
| אַנדערע יאָרן, | But is that what they would say |
| אַנדערע כוחות... | on Ararat?) |
| | |
| אין בית־המדרש— | Those were the days |
| קעפּ אויף קעפּ; | of the worth men of old: |

מ׳לערנט אין הייזל,
אויף די טרעפּ.

ס׳ווערט פֿאַר חצות
קיין ליכט פֿאַרלאָשן—
אַ פּראָשבע — אַ רענדל,
תורה מ׳גראָשן!

— — —

הויכע בערג פֿאַראַן אַ סך,
נאָר אַרט פֿון תנ״ך
מיט די שנייען אויפֿן קאַרק
איז אַן אויסטערלישער באַרג;

אויף זײַן רוקן, ווי באַשריבן,
איז די תיבה שטיין געבליבן
נאָכן מבול. און מען הערט,
ווי זײַן ליוער נאָמען שווערט
אייביק לעבן פֿאַר דער ערד...

„רצחע, מענטשל, גנבע, מסר,
כ׳וועל נישט טאָפּיען דיך אין וואַסער:
איך פֿאַרשטעל מיר בעסער ד׳אויגן...“
נ׳הענגט אַרויס אַ פּײַלנבויגן
אויפֿן הימל
לזכרון...

אַמאָל איז געווען, אַ פּעקל מיט יאָרן— ,
עס זיצט נאָך די תיבה טיף אין שנייען,
און עס לעבן דאָרט אין צווייען

brass-rimmed spectacles,
*tfiln* housed in silver,
*talis* crowned in gold,
and their minds were as towers.
Other times,
other powers.

The house of study full,
and the people overflowed
to the entry and the step;
the lamp burned steady
past the middle of the night,
and judgment and Torah
abundant as the light.

Now the mountain peaks are plentiful,
but the Bible's Ararat
is not the average snowy peak;
Ararat's unique,
for there when the flood waters crested
Noah's ark rested,
and the One Above Us drew the line;
and, as we've heard,
granted life forever to the earth.

"Dear people," He said, "steal, betray,
and slaughter.
You will not be drowned in water,
for I avert my eyes,"
and in the sky he hung a bow
for a sign.

ס״ם און לילית — מאַן און ווייב,
צוליב דער קעלט און צײַט־פֿאַרטרײַב,
פֿון גיהנום גאַנץ פֿאַרבאָרגן,
נישט אַ ליבער טעט־אַ־טעט?
איין מאָל פֿרימאָרגן
סמאל ליגט נאָך און רויכערט אין בעט,
לילית מאַכט טואַלעט
געגן דעם צוהר —,
עס קלינגט אין טויער:
„הערײַן“!
באַווײַזט זיך, דערשראָקן, אַ שד,
קלאַפּט מיט די ציין,
פֿאַלט מיטן פּנים און צאַפּלט אויף דר׳ערד:
„ — אָ, קעניג מײַן,
האָסט פֿאַר דער וועלט
דײַן פּנים פֿאַרשטעלט;
האָסט גאָרנישט געהערט,
גאָרנישט געזען...
און צינד איז שוין שפּעט, עס ציטערט דײַן טראָן.“
ס״ם שפּרינגט אויף: „הער באַראָן,
וואָס איז געשען“?
„ — אין קעניגרײַך פּוילן
האַרט בײַ דער גרענעץ,
שטייט זיך אַ שטעטל
גרויס, ווי אַ גענעץ.

(כ׳רעד נישט פֿון מקום!)
הערט מען עס זעלטן —,

That was once, a pack of years ago,
but the ark is still buried deep in snow,
and there live Sammael and Lilith—man
and wide—
grateful for the chill,
and to pass the time away,
far away from Gehenna,
and isn't it a pretty tête-à-tête?

One morning as Sammael lay in bed
smoking cigarettes,
and Lilith saw to her toilette
by the light of the *tsoyer*
the doorbell tinkled in the foyer:
"Enter!"
and there a trembly demon stood,
teeth all a-clatter,
who flung himslef flat on his face and
then flatter.

"May lord and sire,
You've hidden your face
from your people.
You've heard
and seen nothing,
and now it's too late!
Your throne is going to topple!"

Satan leaped up. "Sir Baron,
what transpires?"

הייזלעך, ווי ניסלעך;
שמות — געצעלטן!

דרייען זיך יידלעך
אַרום ווי די מתים;
מ׳האָט קיין פּרנסה,
מ׳לעבט פֿון תעניתים.

אָן האַנדל, אָן וואַנדל
האָט תורה אַ קיום,
מ׳פּאַשעט למדנים,
ס׳וואַקסן עילוים...

וואַקסט צינד אַ פּרי,
וועט עס פֿאַרשעמען
פּוילן און ליטע,
פּרייַסן און בעמען...

וועט ער אויסוואַקסן,
לאָזסטו אים פֿרייַ,
זע׳מיר פֿאַרפֿאַלן,
ביסטו פֿאַרבייַ!

מיט אײַזערנע ריטער
וועט ער אונדז דרעשן;
און וועט אין גיהנום
ס׳פֿייַער פֿאַרלעשן!

וועט ער אונדז יאָגן
מיט שרעקלעכן האַס,
ברענגען משיחן,

"In the kingdom of Poland
where the border is drawn
stands a shtetl
as big as a yawn.

The place doesn't matter,
it's rarely mentioned,
houses like nutshells,
prayers are their mansions!
The Jews drift around
as if these were their last days,
with nothing to eat,
living on fast days.

No business to do,
and so Torah can flourish,
and all the genius
its study can nourish.

A boy who lives there
will shame and hush
Lithuania, Poland,
Bohemia, and Prussia.
Let him mature
undiminished,
and we go under—
you're finished!
We'll be thrashed
with iron rods
and the flames of Gehenna

חלילה וחס“!

ווי ס״ם האָט די ווערטער דערהערט,
איז אים די שמחה געוואָרן געשטערט,
פֿלאַמען אים אויף די אויגן רויט,
און ער שוויצט מיט טײַוולס קויט,
ווי אַ קעסל אויפֿגעברויזט,
לויפֿט צו לילית מיט דער פֿויסט...

„ —זי איז שולדיק, זי אליין“!

„ —די נוס איז האַרט,
נאָר, מײַן מאַן, וואַרט
זי קנאַקט דאָך אונטער די ציין...
נצחון איז זיס;
גרייט אָן די שפּיז,
דער בראָטן וועט קומען אַליין“!

ענטפֿערט לילית און פֿאַרשווינדט
אויף די פֿליגל פֿון אַ ווינט— .

— — —

טראַ־ראַ־ראַ, טראַך!
וואָס איז געשען?
האָט נישט ווער ערגעץ
משיחן געזען?

ווען בלאָזט מען שופֿר?
אלול, נישט תמוז!
צי איז משוגע

extinguished,
he'll pursue us
with frightening hate
to the end
and bring the Messiah,
Heaven forfend!"

The moment Satan heard these words,
the party was over; his passion stirred,
his eyes turned red,
and devil's sweat
rose like the mist
of a steaming cauldron,
and he rushed at Lilith wagging his fist.

"It's her fault, only hers!"
"The nut is hard,
good sirs," said Lilith,
"but wait.
A good set of teeth can crack it.
Victory's sweet.
Warm up the spit,
the meat
will come on its own!"
and she flew with the wind
and was gone.

*Tantivy-tan-ton!*
What transpires?
Did somebody
see the Messiah?

געוואָרן דער שמש?

ס׳בלאָזט טראָמפּייט,
ס׳קנאַלט און קנאַקט,
אַן עקסטראַ פּאָסט
קומט אָן פֿון טראַקט!

בלאָזט די טראָמפּייט,
קנאַקט צו די בייַטש,
שטייט מען מיט אָפֿענע
מייַלער: וואָס טייַטש?

וואָס טייַטש?
געקומען פֿון דאַנציק אַ דייַטש;
האַנדלט מיט ווייצן, האַנדלט מיט קאָרן,
ס׳איז אינעם שטעטל אַ מחיה געוואָרן,
איינמאָל אַ קונה! איינמאָל אַ צאָלער!
ס׳בליצן די רענדלעך, ס׳בלאַנקען די טאָלער!

פֿון פֿאָרשוס אַ רעגן!
פֿאַרלייגן די פּויערים מיט פֿורן די וועגן,
האַנדלען בטלנים,
שוחטים, דיינים,
מען לויפֿט, מען קויפֿט און פֿאַרשיקט...
גאָט האָט דאָס שטעטל מיט איינמאָל באַגליקט.

און ס׳איז געקומען אַ גאָלדענע צייַט,
מ׳טראָגט אין דער וואָכן אַטלאַס און זייַד—
חתונות מאַכט מען טאָג־טעגלעך כסדר,
באַוואָרפֿן די שנייַדער מיט חתונה־קליידער!

When is the *shoyfer* blown?
*Elul*, not *Tamuz*.
Has he gone crazy,
the *shames*?

The rise and fall,
of the trumpet call,
whipcrack!
the wheels go round,
and a coach
rolls into town!
Trumpet blare
and whipsnap!
mouths drop open, people stare:

"What's up?"
What's up?
A German's come from Danzig.
And he's dealing in wheat, dealing in rye.
Everything's suddenly fine.
Now here's a client who knows how to
pay!
The small change glitters, the dollars
shine.
It's raining credit
all around,
the roads are full
of the wagon sound
of peasants coming to town,
and ah! the wheeling and dealing

עס זײַנען אָן הענט שוין די קלעזמער געבליבן,
די חופּה צעריסן, די שטאַנגען צעריבן.
מ'האָט שוין פֿון בדחן קיין כּוח צו לאַכן,
מען קריגט שוין קיין וואַקס נישט, הבדלות צו
מאַכן.

מ'האָט מיט איינמאָל פֿאַרגעסן די נויט:
ווער נעמט עס אין מויל, מ'באַקט נישט קיין ברויט!
ס'ווערן געגעסן נאָר לעקעך און פֿלאָדן,
און משקה — צום באָדן!

— — —

האָט דער דײַטש זיך מיטגעבראַכט
איין איינציק טעכטערל — אַ פּראַכט:
גאָלדענע לאָקן ביז די פֿיס,
אויגלעך העלע, ווי די שטערן,
און אַ קול — אַ פֿרייד צו הערן!
האָניק — זיס,
און אין סאַמעט איינגעהילט!

רעדט זי, גלייך אַ פֿידל שפּילט!
לאַכט זי — אַ קאַסקאַדע פֿרייד!
און דער טרעגער אונטער דער לאַסט,
און אין קלויז, דער פּרוש, וואָס פֿאַסט,
נאָר מ'לאַכט, קינד און קייט!
דאָך דער עיקר איז דאָס לידל,
ס'רעדט אַ פֿידל, ס'זינגט אַ פֿידל...
עס ווערט אַזוי זיס, ס'ווערט אַזוי באַנג...

מאָניש לערנט שוין לאַנג אין קלויז,

of slaughterers, judges, perpetual scholars
chasing the dollars,
buying and sending things on.
God blessed the shtetl with luck!

Golden times and daily display
of stain and silk, whatever impresses,
weddings every day in the week,
and every tailor up to his ears
in orders for wedding dresses.
All the musicians are worn out and
weary,
the *khupe* is torn, the poles are
as dull as the guests, who havn't the
strength
to laugh at the *badkhn*,
and there's no wax left for *havdoles*.
Their hunger forgotten once and for all—
who eats bread or bothers to bake it?
Plum pastry, honey cake,
and liquor—a lake of it.

Now the German brought
an only daughter
with him—a jewel.
Golden hair falling to her feet,
and eyes as bright as stars,
so sweet,
to hear her voice, so sweet.
Dressed all in velvet,
and when she spoke, to tell of it,

און טאָג אויף טאָג פֿאַרבײַ דעם הויז
מיט זאַנג און קלאַנג
גייט ער אין דער קלויז אַרײַן,
און ער שטעלט זיך אָפּ אין טויער,
זאַפּט די לידער אײַן אין אויער.
און ס׳פֿאַרשיכּורט אים ווי ווײַן— ,
(אַ זינדיקן מענטשן, עפֿר ואפֿר!)
נעמט דערנאָכדעם זיך צום ספֿר,
שווימען די זעלבע ניגונים אַרויס,
זינגט זיי שטונדן אויפֿן זייגער,
און עס הערט פֿאַרבליפֿט די קלויז:
נישט קיין וואָלעך, נישט קיין שטייגער,
און עס ציט די קליי אַרויס...

אַ חבֿר קוקט,
זעט ער, מאָניש זיצט פֿאַרצאָגט,
און פֿאַרציטערט, ווי אין פֿיבער,
און אַ שטערן בלאַס, ווי קרײַד,
און פֿאַרקוקט ערגעץ ווײַט
פֿון פֿענצטער אַרויס, פֿון ספֿר אַריבער.
„ —אוי, וואָס איז דיר, מאָניש, זאָג“?
און אַזוי טאָג אויף טאָג,
טאָג אויף טאָג!
זעט די מוטער ווי מאָניש פֿאַרשווינדט:
„ —וואָס איז דיר, מײַן קינד?
ווער האָט פֿאַרלאָשן, וואָס פֿאַר אַ וויגט,
די אויגעלעך דײַנע, די שיינע הבֿדלות?
ווו האָסטו גענומען ניגונים — יללות?

פֿלעגסט דאָך זינגען גאָר אַנדערע זאַכן,
ס׳פֿלעגט דאָך פֿאַר תּענוג ס׳האַרץ אין מיר לאַכן

it was a fiddle playing.
Her laugh was a cascade of joy.
The porter under his load,
the hermit fasting and praying,
laughed when she laughed, and their own music flowed
when the music of her song came thronging,
and the fiddle spoke and sang,
sweet and full of longing.

Long, long, long,
on his way to his studies at the *koyz*
day by day,
MOnish passed her house,
lingered at the gate,
and his ears drank her song
till like wine it made him drunk
(an erring mortal, dust and ashes),
and when he turns to *Rashi*,
held by its power,
he hums the tune she sang
hour after hour.
The *kloys* listens stunned
to such musical sorrow,
neither shepherd nor folk song,
so strong it draws the marrow
from your bones.

Perplexed,
Monish sits alone,

| | |
|---|---|
| בײַם חזן אין שול, צי שבת בײַם טיש; | trembling as if he'd caught |
| ווי אַ פֿויגל פֿרײַ, ווי אַ גלעקל פֿריש, | a fever, his forehead white as chalk, |
| הײַנט — עפּעס אַנדערש זינגט פֿון דיר אַרויס, | gazing past the holy text |
| וואָס איז דיר, מײַן קינד, דער מאַמען זאָג אויס! | at something far away. |
| עס שרעקט זיך די מאַמע דײַן“! | "What's wrong with you, Monish?" says |
| | his friend. |
| „—ווייס איך דען, מאַמע, וואָס ס׳זינגט אין מיר? | "Tell me." |
| כ׳וויל גאָרנישט זינגען, עס זינגט זיך אַליין! | And so it goes day after day |
| ס׳פֿליִען די קולות, ווי פֿייגל פֿון נעסט... | after day. |
| און אַזוי זינגט זיך, אַזוי ווי דו זעסט“! | |
| | His mother sees him pining away: |
| — — — | "What's wrong, my child? |
| | What wind put out |
| און אין מקום איז געווען | the light in your eyes, |
| פֿון קדמונים אַ מפּולת: | my bright *havdole* candles? |
| (כ׳וויל נישט נעמען אויף משקולת— , | Why are all the tunes you sing |
| פֿון אַ קלויסטער, צי אַ שלאָס; | lamenting? |
| כ׳גיב עס איבער אות באות, | |
| כ׳האָב עס אין אַ בוך געלעזן...) | "You used to sing other things. |
| | my heart would laugh |
| ווינען לצים אין דער חורבה, | When you sang with the cantor |
| און מ׳קרייט דאָרט און מ׳לאַכט, | or at the Sabbath meal, |
| און זיי בילן, און זיי מיאַוטשען, | free as a bird, clear as a bell. |
| און זיי שרעקן נאַכט אויף נאַכט. | And now there's something else. |
| | What is it, child? Tell me! |
| וואַרפֿן שטיינער פֿון די לעכער, | It frightens me!" |
| איבער הייזער, איבער דעכער, | |
| און אויפֿן דאַך | "Do I know, Mamma, what song |
| גייט אויף דער וואַך | is singing in me? |
| אַרום אַ הונט, קודלאַטע, ווילד, | It's not that I want to sing; |
| וואָס האָט קיינמאָל נישט געבילט, | it sings itself. |

נאָר געשטשירעט מיט די ציין...
מילא, ציטערט הויט און ביין,
יידן און, להבֿדיל, קריסטן,
ווייַכן לאַנג די גאַנצע גאַס,
און מיט הויכן גראָז באַוואַקסן,
שטייען הייזלעך פּוסטע־פּאַס!
קומט די נאַכט, באַווייַזט זיך מאָניש
אין די שאָטן פֿון די ווענט...
און ער שלייַכט זיך צו דער חורבה,
מיט די לאַצן אין די הענט—
אים באַגלייטן צוויי מלאָכים:
אין דער לינקער זייַט אַ שלעכטער,
און מיט טרערן אין די אויגן
גייט דער גוטער אין דער רעכטער.

און דער גוטער מלאך רוימט אים
אינעם רעכטן אויער אַרייַן:
„האָב אויף דיר אַליין רחמונות,
זאָלסט פֿאַר גאָט נישט זינדיק זייַן.
דען די וועלט האָט ער באַשאַפֿן,
וואָס אין הימל, וואָס אויף דר׳ערד!
און די אלע שבֿעים אומות,
וועלכע לעבן אויף דער שווערד!
נאָר אַ תּמצות פֿון די פֿעלקער
האָט ער יידן אויסגעצויגן,
און זעקס הונדערט דרייַצן מצוות
אָפּגעמאָסטן, אָפּגעווויגן!
און וועט די היטער פֿון זייַן תורה
מיט ש״י עולמות פֿאַרגעלטן—
זאָג זשע, בחור, איז אַ דייַטשקע
ווערט אַזוי פֿיל שיינע וועלטן“?

The sounds rise like birds
from the nest,
and these are the songs they bring me."

Now from olden days
there was a ruin in that place—
(I won't attempt to say
whether church or castle;
let that much remain in doubt,
I can tell you only what I've read about
it.)
There are goblins in the ruin,
imps that crow and laugh for spite,
bark, meow,
and haunt at night,
hurl stones through the air
from their lair
at the houses underneath;
and on the roof
in the dark
a wild dog with tangled fur,
always on the prawl,
who never has been hear to bark,
he only grinds his teeth.
Flesh and blood tremble.
Jews and Christians both
stay well away from that street
and its tumbledown houses overgrown
with weeds.

One night in the shadow of the walls

חוזק מאַכט דער שלעכטער מלאך,
רוימט אין לינקן אויער אַרײַן:
„ווּעסט דערנאָכדעם תשובה טון,
און ער וועט דיר מוחל זײַן!
האָט דען ראובן נישט געזינדיקט,
אָדער דוד מיט בת שבע?
און זיי לויכטן אין גן־עדן!
ווײַל ער האָט אַ גוטע טבֿע—
און אַ ליאַדע קרום, אַ טרער,
אין אַ ווינטער־טאָג אַ תענית,
און אַ קרעכץ: איך וועל נישט מער,
און ער גלויבט דיר אויף נאמנות...“

הערט ער, מאָניש, די מלאכים,
און דער ישובֿ דויערט נישט לאַנג.
זי באַווײַזט זיך שוין אין פֿענצטער,
און עס כּישופֿט איר געזאַנג.

קוים געהערט און קוים געזען,
און ער פֿליט שוין פֿײַל פֿון בויגן...
בלײַבט דער גוטער מלאך שטיין
מיט די טרערן אין די אויגן...

— — —

און אין חורבה ברענט די ליבע;
פֿלעדער־מײַז און שפּינען הערן
זייער זינגען, זייער לאַכן,
זייער קושן, זייער שווערן!

a solitary figure creeps toward the ruin;
all along the street there's no one else:
it's Monish clutching his lapels.

Two angels go with him,
one on either side;
the evil on the left,
and the good, weeping tears, on the right.

His good angel whispers in his ear,
"Have pity on yourself,
fear the Lord your God.
He created all the world,
heaven, earth,
and the seventy nations
who live by the sword.
But the essence of all people
are the Jews, whom He treasured,
and for them He weighed and measured
six hundred and thirteen commandments.
Three hundred and ten worlds
are for those who guard His Torah.
Tell me that it's worth it
to lose them for a girl!"

His evil angel sneers
in his other ear:
"When it's over, repent.
He'll forgive you. Why should you fear?
Reuben sinned,
David and Bathsheba sinned,

זי פֿאַרלאַנגט, ער זאָל איר שווערן,
אַז עס איז קיין ליידיק פּלוישן,
אַז ער וועט זי נישט פֿאַרגעסן,
אויף אַ צווייטער נישט פֿאַרטוישן.

און ער שווערט איר בײַ זײַן רבין,
בײַ דעם טאַטן, בײַ דער מאַמען
און בײַ אַלע נאָך צוזאַמען...!
„—זאָג, וואָס נאָך? אום גאָטעס ווילן“!
און זי שעפּטשעט: „ווייניק, ווייניק“!
און ער שווערט איר בײַ די פּאות,

בײַ די ציצית, בײַ די תּפֿילין,
אַלץ פֿאַרברענטער און פֿאַרשײַטער,
און זי שמייכלט און זי בעט זיך:
„שווער נאָך ווייטער, שווער נאָך ווייטער!

ווײַל אַ בחור קאָן פֿאַרפֿירן,
קען פֿאַרגעסן,“ — האָט זי מורא...
און ער שווערט איר בײַם פּרוכת,
בײַם פּרוכת, בײַ דער תּורה...

און זי רופֿט אַלץ: „העכער, העכער“!
זי וויל זיכער זײַן אינגאַנצן,
און זי כּישופֿט מיט די ליפּלעך,
און די אויגעלעך — זיי גלאַנצן,

און זיי פֿליסן לויטער כּישוף,
און ער האָט קיין לאַנגן ישובֿ,
שווערט בײַם שופֿר של משיח,

yet without stint
He gave them paradise,
because He's good by nature.
A wretched look, a tear,
fasting on a winter day;
only groan and state your never-evers,
and He'll believe anything you say."

Monish listened to his angels
but didn't ponder long.
She appeared in a window,
he was spellbound by her song.

He had hardly seen and heard her
and he flew to her;
and his fears he left behind him
with the angel weeping tears.

Their love in the ruin, how it burns;
the bats and spiders hear
how they sing, laugh, kiss,
and how they vow.

She tells him he must swear to her
and tell her true:
I'll never choose another,
I never will forget you.

He swears by his teacher,
by his father, by his mother,
and by all of them together.

„העכער, העכער!“ ביז ער האָט
דעם נאָמען גאָט...
פֿון זינדיקן מויל אַרויסגעזאָגט—
פֿון דער הויך אַ דונער שלאָגט!
פֿון גיהנום — אַ געלעכטער—
און פֿון שוועבל גייט אַ ריח,
און ער פֿליט שוין, פֿײַל פֿון בויגן,
אויף אַ בעזעם אין דער הויך!

— — —

אויפֿן באַרג אַררט דאָרטן
איז אַ לעבן, אַ געפּילדער,
ס'איז אַ באַל דאָרט אין דער תּיבֿה,
און אַ שרעקלעכער, אַ ווילדער!
און ציגײַנער פֿון גיהנום,
צען קאַפּעלן מוזיצירן,
און שאַמפּאַניער — ווי וואַסער,
און די רוחות קאַנקאַנירן.
לאָמפּן — טויזנט פֿעסער סמאָלע!
די רשעים זײַנען קנויטן,
גייט אַרום אַן עקסטראַ שמש
מיט אַ שערל צו די צויטן!

און די קעניגין איז לילית,
אין די אויגן האָט זי בליצן,
טראָגט סמאָל די לאַנגע
שלעפּע מיט בראַכאַנדער שפּיצן...

"What else?" she whispers.
"What else?"
And he swears by his earlocks,
his fringes, his *tfiln*.
And at every stage his
vow is more fevered, more outrageous.
"But what else, Monish? Tell me,"
and her smile compels.

"For a boy will mislead a girl
and leave her in the dark—"
And he swears by the curtain of the ark
that holds the Torah.

And she cries out: "Higher, higher!"
She so wants to be certain.
And her eyes are on fire,
magic as her lips are magic,
pure flowing magic,
and he barely stops to reason,
he swears by the Messiah
and his *shoyfer*.
"Higher! Higher!" The last prod—
he sinfully speaks the name of God
and is struck by the thunder of His rod.

Laughter in Gehenna,
a reek of sulfur in the room,
and fast as a bowshot
he flies through the air on a broom.

אָן דער זײַט פֿון תּיבֿה־טויער,
בײַ דעם לעפֿל פֿונעם אויער
אָנגעשלאָגן, מאָניש שטייט...
ס'פֿײַער ברענט...די שפּיז איז גרייט...

1909

Ararat goes crazy—
one hilarious, profuse
shrieking party in the ark,
all Gehenna breaking loose.

Ten Gypsy orchestras,
Gehenna's top musicians,
champagne by the bucket
while the demons do the can-can with
precision.

Lamps—a thousand barrels full of
pitch—
the wicked are the wicks—
and a special sexton with his scissors at
the ready
goes a-trimming wicked wicks
to keep them burning steady.

Fire in her eyes,
the queen of all that place,
Lilith goes before, Sammael behind,
carrying her train of Spanish lace.

Monish stands at the side, nailed by his
earlobe
to the doorway of the ark;
the fire's lit, the spit is ready,
and the rest is dark.
1909